# פרשת וילך

## בס"ד. משיחת ז' תשרי ה'תנש"א
## – לחברי קרן פיתוח מחנה ישראל –

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

"שְׂמַח זבולן בצאתך"[1], אַ ספּעציעלע ברכה וואס משה רבנו האט דעמאלט געזאגט צו דעם שבט זבולן; ער האט דאס אָבער אַריינגעשטעלט דערנאך אין תּוֹרה – איז דאס געוואָרן אַן אייביקע אָנווייזונג פאר דעם אידישן פאלק אויף אַלע דורות, ביז צו אונזער דור און נאך נאך אונזער דור,

און די אָנווייזונג איז פארבונדן מיט היינטיקן טאג במיחד, אַז זבולן איז דאך געווען אָט דער שבט – די טייל פון דעם אידישן פאלק – וואס האט זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר,

וואס צוליב דערויף האט ער געדארפט זיין "בצאתך", ווי ס'איז שוין געווען אין יענע צייטן, אַז כדי צו מצליח זיין אין מסחר טאר מען ניט שטיין אויף דעם זעלבן פלאץ און דעם זעלבן צושטאנד, נאר מ'דארף אַלץ אַרויסגיין פון זיך, פון די אייגענע באגרענצונגען און פון די באגרענצונגען וואס די סביבה – וואס די אומגעבונג – שטעלט אַרום אים, און האט מען דעמאלט נאכמער הצלחה,

ביז וואנענט אַז ס'ווערט, ווי דער פסוק זאגט, "שְׂמַח": אין טאג-טעגלעכן לעבן שטייט ער אין אַ מצב ומעמד פון שמחה, ווארום ער זעט אַז ער האט מצליח געווען אין אויסנוצן זיינע פעאיגקייטן,

ובפרט נאך ווי דער פסוק באווארנט דאס גלייך נאך דעם, אַז "שְׂמַח זבולן בצאתך" איז פארבונדן גלייך מיט די ווערטער וואס שטייען נאכדעם, "ויששכר באהליך", אַז אויף יעדער ענין וואס ער טוט אין מסחר, פארלאזט ער זיך ניט אויף די אייגענע באהאנדלונג, באטראכטונג, נאר ער פרעגט אויך: וואס זאגט תּוֹרה? צי זיינע באשטימונגען און זיין גיין "מחיל אל חיל"[2] איז אין דערויף ניטא חס ושלום קיין ענין פון השגת גבול, און חס ושלום אַן ענין וואס איז ניט פארבונדן מיט יוֹשר,

און יוֹשר – ווי תּוֹרה ערקלערט וואס יוֹשר הייסט, אַז ס'דארף זיין אַ יוֹשר "בעיני אלקים ואָדם", אַז ניט נאר אים ווייזט זיך אויס, אַז דער אויבערשטער איז מיט אים מסכים, נאר ער זעט אויך אַז די מענטשן אַרום אים זיינען אויך מסכים, אַז זיין הנהגה איז אַ הנהגה ישרה, אַ יוֹשר'דיקע הנהגה.

און אָט דעמאלט איז מען זיכער, ווי דער פסוק זאגט דאך ניט נאר "שְׂמַח זבולן בצאתך", איז דער

---

1) פ' וזאת הברכה, פרק לג פסוק יח.
2) תהלים פרק פד פסוק ח'.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וילך

לשׁון אין דעם געמיינט אַז דאס איז אַן אָנזאג, נאר דאס איז אויך אַ הבטחה, אַז די תּוֹרה זאגט-צו זבולון'ען, און יעדער וואס געהערט צו דעם מקצוֹע, וואס ער איז אַ ביזנעס מאן, אָדער אַ ביזנעס-לײדי, אַז זיי וועלן האבן שׂמחה אין זייער ביזנעס און אין זייערע עסקים – דערפאר וואס אין פּשׁטוּת וועלן זיי האבן דעם מאקסימום וואס ס'קען זיין אין "פּראפיט", אין הצלחה אין רוחים בזה,

צוזאמען דערמיט – מיטן מינימום וואס ס'קען זיין דערביי אָנשׁטרענגונג, און ניטא קיין עגמת-נפשׁ דערביי, במילא האט ער אַ שׂמחה אמתּית,

און האט אויך די זיכערקייט אין דעם, אַז אַזוי וועט זיין ביי אים אויך ווייטער, וויבאלד אַז – ווי כּאָמוּר – שׁטייט דאס אין איין המשך, אַז ער און זיינע באוועגונגען און זיין טאג-טעגלעכן לעבן איז אין פולן איינשׁטימונג, פולן אַיינקלאנג מיט "ישׂשכר'ס" אָנווייזונג, מיט די אָנווייזנגען פון תּוֹרה, וואס דאס איז געווען דער מקצוֹע – די זאך – מיט וועלכע ישׂשכר האט זיך פארנומען, מיט לערנען תּוֹרה.

און בפרט דורך דערויף וואס יעדערער פון "זבולון" נעמט אין דערויף אויך אַיינטייל – דורך דערויף וואס ער האלט-אויס די אַלע ערטער, די אַלע מוסדות, אין וועלכע מ'לערנט מיט אידישע קינדער תּוֹרה, און מ'לערנט אויך תּוֹרה מיט אידישע ערוואקסענע אידן,

און אויך עד כּדי כּך, אַז יעדער ביזנעס-מאן האט דאך אויך יעדער טאג על כּל פּנים אַ קורצע ווײלע וועלכע ער איז "מקדישׁ", ער מאכט דאס הייליג אין זיין לעבן דורך דערויף וואס דעמאלט לערנט ער תּוֹרה,

און בשׁעת ס'איז נאך דא אַ פרייערער טאג, וואס דאס איז דער טאג פון שׁבּת אָדער יום-טוֹב אָדער ראשׁ-השׁנה, אָדער בכלל תּשׁוּבה-טעג – איז ער אָט דעמאלט גיט ער נאכמערער צו אין זיינע זמנים וואס ער גיט-אָפּ צו תּוֹרה,

און אָט דעמאלט איז ניט נאר דורך דערויף פעלט ניט ביי אים אין זיין הצלחה אין זיין צייט וואס ער גיט אָפּ אין זיין ביזנעס – נאר אַדרבא, דורך דערויף וואס ער נעמט אַראפּ נאך עטלעכע מינוטן אויף תּוֹרה-לערנען – קומט ביי אים צו עטלעכע שׁעות פון הצלחה אין זיין ביזנעס-לעבן און אין זיין ביזנעס-עסקים און אין זיין אין דער הצלחה פון זיין ביזנעס, וואס דערפאר ברענגט דאס ביי אים צו אַ שׂמחה גדולה.

וואס דאס איז אויך פארבונדן, ווי דערמאנט פריער, אויף די אָנווייזונגען פון תּוֹרה במיחד צו ביזנעס-לייט,

וואס דאס איז אויך דער ענין פון "מעשׂר", ווי אָנגעזאגט געווארן פון יעקב אָבינו, וואס ער איז דאך



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וילך

איינער – און דער העכסטער – פון די אַלע דריי אָבות, וואס ער האט אָנגעזאגט דעם אויבערשטן, געבעטן ביים אויבערשטן אַ ברכה אויף אַלע זיינע זאכן – האט ער מסים געווען די ברכה מיט אַ הבטחה, מיט אַ צוזאג, אַז "וכל אשר תתן לי עשׂר אעשׂרנו לך[3]", אַז פון יעדער הכנסה וואס ער וועט באקומען וועט ער פון די נעט פראפיט אָפּגעבן לכל הפחות מעשׂר אויף דעם אויבערשטנ׳ס "ביזנעס".

וואס דעם אויבערשטנ׳ס "ביזנעס" איז דאך – אויף געבן צדקה אָרימעלייט, וואס זייער עקר הבטחה איז דאך, אַז דער אויבערשטער וועט זיי צושטעלן אַלץ וואס זיי דארפן האבן דורך זיינע שלוחים, וואס דאס איז יעדער איד, ובפרט אַ רייכער איד – קען ער דאך נאכמערער טאן און אויפטאן אין דער שליחות, ווארום דער אויבערשטער גיט אים גרעסערע מעגלעכקייטן, דורך געבן אים מער געלט.

און טאן דאס אויך אין אַן אופן פון "שׂמח", אַז פונקט אַזוי ווי אַ ביזנעס-מאן האט אמת׳ע שׂמחה פון הצלחה אין זיין ביזנעס – האט ער נאכמערער שׂמחה וואס ער נוצט אויס די הכנסה פון דער ביזנעס ווי אַזוי מ׳דארף דאס אויסנוצן – אויף געזונטע זאכן און אויף פריילעכע זאכן.

ועוד ועקר – אויף תורה-זאכן, אויף אָפּגעבן לכל הפחות "מעשׂר", אַ צענט-חלק, און מיט אַ הוספה – על כל פנים פון אַ דאלער אָדער אַ פרוטה – אויף ענינים פון דעם אויבערשטנ׳ס "ביזנעס", וואס דאס איז – אויסהאלטן בתי-כנסיות, ערטער וואו אידן דאווענען, און בתי-מדרשים, ערטער וואו אידן לערנען, סיי קליינע און סיי ערוואקסענע.

און סיי אויך ווען דער ביזנעס-מאן וויל לערנען תורה, און מ׳זאל אים דערביי ניט שטערן – איז דאך דעמאלט דער בעסטער פלאץ אויף דעם, אַז ער גייט אַוועק דעמאלט אויף די שעות אין אַ ישיבה אָדער אין אַן אַנדער אָרט (וואס) ווי אַ שול וואס דארט איז ניטא קיין שטערער פון חוץ, פון אויסווייניק, וואס אָט דעמאלט איז זיין לערנען מיט מער הצלחה.

—— • ——

3) פ׳ ויצא, פרק כח פסוק כב.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.